בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת דְּבָרִים

תשפ"ד

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

**וויליאמסבורג**

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

**בארא פארק**

**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

**בלומינגראוו**

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

**מאנסי**

**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש

**ירושלים**

**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש

**בני ברק**

**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וֶועט טֶערְקַיי אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?......א

וִוי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אוֹיס מַיין הוֹיז פוּן שְׁלֶעכְטְס?......ב

וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן מַיין עֶנְקְזַייעֶטִי?......ג

וִוי אַזוֹי קֶען מַיין וַוייבּ הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן?......ז

מוּז אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיבּ מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָאְרן?......ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי קִילֶע וִוינְטְל......א

זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דַיין סַבְלָנוּת אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת......ב

דוּ פְלֶעגְסְט לֶעבְּן, דַיין פָּנִים הָאט גֶעשַׁיינְט פוּן תּוֹרָה......ג

נָאךְ אַפָּאר גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן אִין אוּמַאן......ד

דֶער אַרְבֵּייטֶער בַּיי דִי סוּעֶר דִיפַּארְטְמֶענְט, אִיז אוֹיךְ פוּן הִימְל......ד

אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי אַרְבֶּעט אִין אוּמַאן?......ה

מֶען הַאלְט נִישְׁט פָאר אַ שְׁוִוגֶער, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁוִוגֶער......ו

וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת וָואס פִירְן דִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית......ו

אַלֶע שְׁרֵייעֶן, אַלֶע וֵויינֶען, אַלֶע קְרֶעכְצְן......ז

ווארויל אִיז דֶעם וָואס הִיט הֲלָכוֹת......ח

הֶעלְפְן דֶעם מַאן מִיט זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט ........ ט

מְזַלְזֵל זַיין אִין הֲלָכוֹת, אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג ........ י

רוּף יֶעדְן טָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן, שְׁמוּעֶס מִיט זַיי, רֶעד מִיט זַיי ........ י

דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס פַּיינִיגְן, נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן עֶלְטֶערְן ........ יא

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי בְּלָאזְן אוּן אִיגְנָארִירְן דִי וַוייבּ ........ יב

מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אוּנְז אָנְגֶעטוּן בִּפְרִיצוּת ........ יג

אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אֵיידְל הֵיימִישׁ אוּן חֲסִידִי'שׁ פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן ........ יד

דַארְף מֶען אָנְטוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וַוייסֶע טֵייץ לְכָבוֹד שַׁבָּת? ........ טו

זַייט מְקָרֵב אַנְדֶערֶע, וַוארְטְס נִישְׁט יֶענֶער זָאל אַייךְ מְקָרֵב זַיין ........ טו

וִוי אַזוֹי רֶעאַגִירְט מֶען וֶוען דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ ........ טז

זַיי דוּ זֵייעֶר חַבֶר'טֶע, נֶעם זַיי אַרַיין אִין דַיין שְׁפִּיל ........ טז

מַאכְן אַ סִיוּם אָבֶער נִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵיישׁ ........ יז

הֲלָכוֹת אוּן מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב ........ יח

זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זַיי זָאלְן וִויסְן וָואס תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז ........ יט

וֶוער אִיז בֶּעסֶער אִין רֶעגִירוּנְג, דִי רֶעכְטֶע אָדֶער דִי לִינְקֶע? ........ כ

מֶענְטְשְׁן הָאבְן אַ טָעוּת אַז שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג שַׁבָּת ........ כא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועט טֶערְקֵיי אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז בַּאקוּמֶען הִילְף, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערשְׁרָאקְן, אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פוּן פַּחַד. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעזָאגְט אַז טֶערְקֵיי פְּלַאנְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאב זִיךְ אַזוֹי דֶערשְׁרָאקְן, אִיךְ פִּיל זִיךְ וִוי אִין אַ חָלוֹם, אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בַּייסִיגֶע חָלוֹם, הַיינְטִיגֶע צַייטְן צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִיךְ-וֵוייס-נִישְׁט-וואוּ, דָא הָאב אִיךְ מוֹרָא צוּ בְּלַייבְּן.

אִיךְ הָאב נִישְׁט צוּ וֶועמֶען צוּ גֵיין, אִיךְ קוּם בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין, אִיךְ פִּיל וִוי עֶס גֵייט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייסְן, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט נֶעמֶען מֶער דִי מַצָּב.

אִיךְ צִיטֶער, אִיךְ הָאב מוֹרָא, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מוּז מִיר הֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**טֶערְקֵיי אִיז יִשְׁמָעֵאל, אוּן יִשְׁמָעֵאל אִיז תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (בְּרֵאשִׁית טז, יא)**: ״וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי שָׁמַע ה׳״ וְגוֹ׳, זָאלְסְט רוּפְן דֶעם קִינְד מִיטְן נָאמֶען ׳יִשְׁמָעֵאל׳, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דַיין קוֹל; אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

אִיז אֱמוּנָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה): "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, ג): "שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבוֹת קי:): "כָּל הַדָּר בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דּוֹמֶה כְּמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱלוֹקַ"; דָאס אִיז דִי נֵייעֶס, יִשְׁמָעֵאל נֶעמְט אֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט דִי חֶרֶב הַתְּפִלָּה.

זִינְגְט לֶעבֶּעדִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים - וֶועט אִיר אוֹיפְהֶערְן מוֹרָא צוּ הָאבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יא): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק - זָאל זִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אוֹיס מַיין הוֹיז פוּן שְׁלֶעכְטְס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גְרָאד, אִיךְ בִּין אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶערשְׁרָאקְן, מַיין מַאן אִיז גֶעזֶעסְן דִי נַאכְט פַאר אַכְט שָׁעָה מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעטְרָאפְן נַיין דְרַייסִיג אִינְדֶערפְרִי זִיצְן מִיטְן סְמַארְטְפָאוֹן אוֹיפְן פָּארְטְשׁ נָאךְ פוּן נֶעכְטְן נַאכְט. אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ וֵוויינֶען אַ גַאנְצְן טָאג.

בֶּאֱמֶת אִיז עֶס מַיין שׁוּלְד, עֶס אִיז מַיין אַרְבֶּעטְ'ס טֶעלֶעפָאן, עֶס הָאט טַאקֶע אַ פִילְטֶער אָבֶער אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען זִיצְט דֶערוֹיף פַאר אַזוֹי לַאנְג קֶען מֶען עֶפֶּעס טְרֶעפְן שְׁלֶעכְטְס. יֶעצְט וֵויין אִיךְ פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ אִיךְ זָאל בִּכְלַל גֵיין אִין קָאנְטְרִי אוּן אַרְבֶּעטְן פוּן מַיין בָּאנְגֶעלָאוֹ.

וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט? אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ רֵיינֶע הוֹיז, אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטְס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לְפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי צַדִיקִים פוּן אוּנְזֶער דוֹר אוּן דִי צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹר הָאבְּן אַלֶע גֶעוָארְנְט פוּן דִי סַכָּנָה פוּן הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, סְמַארְטְפָאוֹן וְכַדוֹמֶה, ווייל אֲפִילוּ מִיט אַ פִילְטֶער קֶען מֶען אַרָאפְּפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן אַלֶעס פַארְלִירְן, אַזוֹיפִיל שְׁטִיבֶּער זֶענֶען צֶעפַאלְן צוּלִיבּ אַ קְלֵיינֶע טֶעלֶעפָאן, אוּן אַזוֹיפִיל קִינְדֶער זֶענֶען אַרָאפּ פוּן וֶועג צוּלִיבּ דִי כֵּלִים.

וַוארְפְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דִי שֶׁעדְלִיכֶע כֵּלִים, עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי פַּרְנָסָה - צוּגְרוּנְד צוּ לֵייגְן דִי שְׁטוּבּ. נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין הַאנְט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, זַיי זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיךְ, אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָן תְּפִלּוֹת צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַלֶע אִידְן - צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וְוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן מַיין עֶנְקְזַייעֶטִי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְקְזַייעֶטִי אִין וָואס אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן פַאר מֶער פוּן אַ יָאר צוּרִיק.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז עֶר לַיידְט פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְקְזַייעֶטִי פוּן אִיבֶּערְקוּקְן

די גֶעז בַּיינַאכְט אוֹיב עֶס אִיז אוֹיפְגֶעדְרֵייט, הָאב אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער, עֶס אִיז מִיר נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען דִי קָאשְׁמַארְן פוּן יֶענֶע פַּיינְפוּלֶע טֶעג וִוי אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט בַּיינַאכְט מִיטְן אִיבֶּערְקוּקְן דִי גֶעז נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דִי גֶעז; דָארְט הָאט עֶס אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע, אָבֶער מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק פְּחָדִים, עֶס הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ הָאב אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר עֶנְקְזַייעֶטִי, וַוייל אִיךְ הָאב גֶעהַאלְטְן אַז עֶס קֶען זַיין אַז פַאר נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאר אַבִּיסְל מוֹרָא פוּן זַאכְן הֶעלְפְט טַאקֶע מִשְׁנַיוֹת, אָבֶער נִישְׁט פַאר אַזַא קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וִוי אִיךְ. אִיךְ דַאנְק אָבֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיךְ גֶעפִירְט אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִינְמִיטְן זוּמֶער אִין קַאנְטְרִי, אִיךְ פְלֶעג דֶעמָאלְט אַרַיינְגֵיין אַבִּיסְל אִין וַואלְד, נִישְׁט צוּ טִיף וַוייל אִיךְ הָאב מוֹרָא גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאב אַזוֹי גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּ אִיךְ? קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר הֶעלְפְן? קֶען מִשְׁנַיוֹת אוֹיךְ הֶעלְפְן פַאר אַזַא קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וִוי מִיךְ?"

אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אִיךְ הָאב אֵיינְמָאל גֶערֶעדְט צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז אוֹיב אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, קֶען אִיךְ עֶס נֶעמֶען, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען, אוּן דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ שׁוֹין גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ גֵיי טַאקֶע נֶעמֶען, אָבֶער נָאכְדֶעם הָאב אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר דָאךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז דִי מֶעדֶעצִינֶען הֵיילְן נִישְׁט עֶכְט אוֹיס, עֶס אִיז נָאר גוּט פַאר צַייטְוַוייליִג וִוי לַאנְג מֶען נֶעמְט עֶס, אָבֶער מִשְׁנַיוֹת וֶועט יָא אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן, נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט דָאךְ אַלֶעמָאל אַז מֶען קֶען נָאר זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין.

בִּיז אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ שִׁיעוּר, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוּקְט אוֹיף מִיר אוּן נֶעמְט זִיךְ שְׁרַייעֶן דִי וֶוערְטֶער: "דָאס אַז דוּ קוּקְסְט אוֹיס וִוי דוּ קוּקְסְט אוֹיס, אָנְגֶעפַּאקְט מִיט נֶערְוֶוען, אִיז וַוייל דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דַיין קָאפּ צוּם רֶבִּי'ן, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת, אָנְגֶעפַּאקְט דַיין קָאפּ מִיט נֶערְוֶוען אוּן עֶס גֵייט שׁוֹין קְרַאכְן, נֶעבֶּעךְ, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער, זִינְג דִי וֶוערְטֶער, זָאג עֶס אוֹיפְן קוֹל, נִישְׁט אַז עֶס אִיז תְּנַאי, מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוֹיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט, אָבֶער עֶס וֶועט דִיר טוֹישְׁן דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, עֶס וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן", דִי פָּאר וֶוערְטֶער, מִיט אַזַא וַויינֶעדִיגֶע בֶּעטְנְדִיגֶע שְׁטִימֶע, הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן מַיין הַארְץ. אִיךְ

הָאב אָפְּגֶעמַאכְט אַז דָאס אִיז עֶס, אִיךְ גֵיי פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַקְשָׁנוּת.

אִיךְ הָאב נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אָבֶּער זָאגְן, עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד צְוֵויי יָאר פוּן יֶענֶעם זוּמֶער, אוּן יֶעצְט קֶען אִיךְ שׁוֹין אַלֵיין עֵדוּת זָאגְן אַז יָא, מִשְׁנַיּוֹת הֶעלְפְט, אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיין רְאָיוֹת פוּן סְפָרִים אַז עֶס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט, דָאס זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג הָאט מִיךְ פָּשׁוּט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן וֶוערְן אַ מֶענְטְל הֶעלְט פַּאצִיעֶנְט פַאר מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוּן זִיךְ דַארְפְן שְׁלֶעפְּן פוּן אֵיין דָאקְטֶער צוּם צְוֵויטְן, פוּן אֵיין טֶערָאפִּיסְט צוּם צְוֵויטְן, אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן.

אִיךְ זָאג אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ וִויל זָאגְן פַאר אַלֶע וָואס לַיידְן פוּן דֶעם וָואס אִיךְ הָאב גֶעלִיטְן אַז זֵיי זָאלְן זֵיי נִישְׁט זַיין קֵיין נַארָאנִים, הוֹיבּ אָן פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט עֶנְק זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַלֶע נֶערְוְון אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט דוּרְךְ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג; דָאס פַארְטְרַייבְּט דִי רוּחַ שְׁטוּת וָואס מַאכְט קְרַאנְק דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע סָארְט נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): "שֶׁעִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה" דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "שֶׁהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" דִי תּוֹרָה אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָאו" אוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי דִי אוֹת ו', "כִּי הַלּוּחוֹת, אָרְכָּן וָ"ו וְרָחְבָּן וָ"ו", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא יד.) דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים אוּן בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים, אוּן דָאס אִיז וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זָאגְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶען שְׁלָאגְט דִי וַואל מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס אִיז אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דֶערוֹיף דִי שֵׁמוֹת אהי"ה וְכוּ', דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְהַוָּ"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל" דִי אוֹת ו' זֶעט

אוֹיס וִוי אַ שְׁטֶעקְן, "וְהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ" אוּן עֶס אִיז שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַיְנוּ שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרַע" דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען מַכְנִיעַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, "שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם" וָואס וִויל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "כִּי בַּעַל עֲבֵרָה הוּא מְשׁוּגָע" וַוייל דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע, "כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה ג.) 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת'" אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה נָאר אַז עֶר פַארְלִירְט דִי שֵׂכֶל, "וּכְמוֹ שֶׁהַמְשׁוּגָעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם וְלָשׂוּם עֲלֵיהֶם שֵׁמוֹת" אוּן אַזוֹי וִוי דִי מְשׁוּגָעִים דַארְף מֶען שְׁלָאגְן מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן זֵיי גֶעבְּן קְמֵעוֹת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי הֶעלְפְן, "כְּמוֹ כֵּן מַמָּשׁ הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת" אַזוֹי אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס אִיז אַ שְׁטֶעקְן פַארְן יֵצֶר הָרָע, אוּן קְמֵעוֹת, שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; "שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ" מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה שְׁלָאגְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען אִיז אִים מַכְנִיעַ אוּן מֶען טְרַייבְּט אִים אַוֶועק.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז דִי ו' וָואס אִיז אַ שְׁטֶעקְן וָואס פַארְטְרַייבְּט דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ פַארְטְרַייבְּן אַלֶע שִׁגְעוֹנוֹת, אַלֶע נֶערְוְון, עֶס קְלָארְט אוֹיס דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת. אוֹיךְ וַואשְׁט עֶס אָפּ דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן נְשָׁמָה; מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה, מֶען וֶוערְט רֵיין.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מִשְׁנַיוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית, מב.): "מַאן דְּקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה" וֶוער עֶס זָאגְט אוּן לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, "דָּא הוּא מָאן דְּיָדַע לְסַדְּרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא יִחוּדָא דְּמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוֹת" דֶער אִיז וָואס וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ צוּבִּינְדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִלֵּין אִנּוּן דִּמְקַדְּשִׁין שְׁמָא קַדִּישָׁא דְּמָארֵיהוֹן" דִי וָואס זָאגְן אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת - דִי הֵיילִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, "בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר" שְׁטֶענְדִיג יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען מַיין וַוייבּ הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חַיּוּת און חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער ווייל אִיךְ הָאבּ אִיר לֵיידֶער נִישְׁט לִיבּ. אִיךְ בִּין לֵיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער עֶרְלִיכְסְטֶער בָּחוּר און אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעקוּקְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁענְסְטֶע מֵיידְל און אֲפִילוּ נִישְׁט נָאנְט צוּ דֶעם, און אִיךְ קֶען עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִּירְט אַז אִיךְ זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם שִׁידוּךְ, כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעהַאט חֵשֶׁק דֶערְצוּ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְט. אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ וָואלְט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶע'גֶט, יֶעצְט וַוארְטְן מִיר שׁוֹין אָבֶּער אוֹיף אַ שִׂמְחָה און אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

מַיין וַוייבּ ווייסְט פוּן גָארְנִישְׁט, זִי אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן, און אִיךְ שְׁלָאג זִיךְ מִיט מִיר אַלֵיין צוּ זַיין צוּפְרִידְן. מִיר לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט צוּזַאמֶען, אִיךְ הָאבּ נָאר פָּשׁוּט נִישְׁט לִיבּ אִיר אוֹיסְזֶען און גֶעשְׁטַאלְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווייל אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ רֶעדְן וֶועגְן דֶעם מִיט מִשְׁפָּחָה, און אִיךְ ווייס נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ גֵיין פַאר הִילְף; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר יֶעדְן טָאג: ״וּתְנֵנוּ ׳לְחֵן׳ וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָל רוֹאֵינוּ״, דוּ בֶּעטְסְט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר ׳חֵן׳ אִין דַיינֶע אוֹיגְן און אִין יֶעדֶענְ'ס אוֹיגְן״, אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן ׳חֵן׳ אִין דַיינֶע אוֹיגְן; ווייל שֵׁיינְקֵייט און חֵן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מז.): ״חֵן אִשָּׁה עַל בַּעְלָהּ״,

לִיבְּשַׁאפְט פוּן מַאן צוּם וַוייבּ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חֵן אִיז נִישְׁט קֵיין זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן, דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:) דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי מַנִי הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר רֶבִּי יִצְחָק בֶּן אֶלְיָשִׁיב: "לֹא מִיקַבְּלֵי עֲלַי אִינְשֵׁי בֵּיתִי", נִישְׁטָא קֵיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב, זִי אִיז נִישְׁט שֵׁיין פַּאר מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר אִיר זִי זָאל שֵׁיין וֶוערְן אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אַז זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ רֶבִּי יִצְחָק אוּן גֶעזָאגְט: "קָא מִגַּנְדְּרָא עֲלַי", פוּן וֶוען זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן - גְרוֹיסְט זִי זִיךְ אוֹיף מִיר, זִי אִיז מְזַלְזֵל אִין מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִיר, זִי זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אִיר מַאן אוּן זִי אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן ווִי פְּרִיעֶר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וַוייבּ זָאל הָאבְּן חֵן, וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, וֶוען זַיין וַוייבּ מַאכְט אִים אַוֶועק אוּן גֶעבְּט אִים שְׁוֶוערֶע בַּאנֶעמוּנְג, ווִי אַזוֹי קֶען עֶר בְּלַייבְּן וַוייטֶער מִיט אַ גוּטֶע גֶעפִיל? עֶר טְרַאכְט, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד מַאכְט מִיךְ אַוֶועק אוּן גֶעבְּט מִיר שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג? וָואלְט אִיךְ אַוַדַאי וַוייטֶער לִיבּ גֶעהַאט דָאס קִינְד אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן דָאס קִינְד, זָאגְט עֶר, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה יב.): "כָּל הַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה לְשֵׁם שָׁמַיִם", ווִי אַזוֹי קֶען מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן לְשֵׁם שָׁמַיִם? טְרַאכְטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן? "מַעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדָהּ", טְרַאכְט כְּאִילוּ זִי אִיז דַיין קִינְד; אַז דָאס קִינְד זָאגְט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט וֶועט מֶען נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן דָאס קִינְד, אַזוֹי זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען עֶס אִיז פוּן דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מוּז אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיב מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָאָרְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן פִיר מָאל מִשְׁנַיּוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד זַיין צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, אַלֶעס אִין זְכוּת דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, בִּיז נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אַלֶץ נָאר גֶעזוּכְט ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּלוֹיפְן פוּן הוֹיז, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גוּט, פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" - הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ מַיין וַוייבּ, מֶער רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" בֵּיינַאכְט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן מִמֵּילָא הָאט זִי מִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיפְקוּקְן אַז אִיךְ לֶערְן, אוּן דֶער מַצָּב אִינְדֶערְהֵיים הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, אַז אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ הֲנָאָה פוּן יֶעדֶע מִינוּט וָואס אִיךְ בִּין אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער. אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף ווִיפִיל גוּטְס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו אוּן דוּרְכְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ זֶע אַסַאךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז פַאר שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען אַלֶעס מוּתָּר זַיין, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס מֵיינְט מַמָּשׁ פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ? צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אִיז אִיר שְׁוֶוער אַז אִיךְ פָאר אוֹיף יָמִים טוֹבִים צוּ מַיין רֶבִּי'ן, דַארְף אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוּן דַאוֶונֶען אִין סֵיי וֶועלְכֶע שׁוּל? אוּן וֶוען מֶען וֶועט מִיר פְרֶעגְן פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען זָאל אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ מוּתֵּר גֶעוֶוען פַאר מַיין וַוייבּ? דָאס קֶען דָאךְ אוֹיךְ וֵויי טוּן. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער טְרֶעף אִיךְ זִיךְ אִין מַצָּבִים וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִיר נָאכְגֶעבְּן אָדֶער נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ רָב אַזַא שְׁאֵלָה, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ טוּט מֶען אַלֶעס וָואס דִי וַוייבּ ווִיל, קֶען מֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב פוּן "אִשְׁתּוֹ מוֹשֶׁלֶת בּוֹ", דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער דֶּרֶךְ הַמְּמֻצָּע, וָואס אִיז דֶער מִיטֶעלֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג צוּ ווִיסְן וֶוען מֶען דַארְף יָא מוּתֵּר זַיין פַאר דִי וַוייבּ אוּן וֶוען דַארְף מֶען אִיר נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וֶועט זִיךְ וואוּ דוּ ווילְסְט פָּארְן; אוֹיבּ אִיז דָאס פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ פָּארְן, נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיף זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף מֶען אַוַדַּאי קוּמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַאֲרְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם'", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַז דֶער מַאן פָּארְט אַוֶועק אוֹיף אַ וָואךְ פוּן שְׁטוּבּ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, וֶוען עֶס וַוארְט וֶוען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, וֶועט מֶען זוּכְן דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר (עוֹרֵךְ דִּין) זָאל עֶפֶּעס טוּן, פְּרוּבִּירְן אִים מַצְדִּיק זַיין, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פָּארְן צוּם גְרוֹיסְן לוֹיעֶר; אִין אַזַא מַצָּב קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין חֲבֵרִים, אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף מִשְׁפָּחָה, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ פַארְלִירְן? עֶס וַוארְט דָאךְ אוֹיף מִיר אַזַא שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט וְכוּ׳ וְכוּ׳', וֶוער רֶעדְט

נָאךְ אַז עֶס וואַרט אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחֲמָנָא לִצְּלַן, דֶעמָאלְט וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּט'ן, "מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם"; אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס מֶען הֶערְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - וֶוערְט אַלֶעס אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן הַשֵּׁם יְרַחֵם, שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען לֵיידֶער פוּל מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ; יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן, יוּנְגֶע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, עֶלְטֶערֶע - לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק, מִיט נָאךְ פִילֶע צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן; אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵּן זַיין; אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט - וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן, אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען עֶר זֵיי אָבֶּער הֶעלְפְן אוּן פַארְרֶעכְטְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז נָאךְ דָא אַ סָפֵק יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן?

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וַוייז אִיר דֶעם בְּרִיוו, זָאג אִיר: "אַ גַאנְץ יָאר הֶעלְף אִיךְ דִיר, אַ גַאנְץ יָאר בִּין אִיךְ אַ גוּטֶער מַאן, אִיז יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ) 'וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט פַארְהַאן' - לָאז מִיךְ פָארְן, אוּן אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אוּנְז אַז עֶס זָאל זַיין אַ יָאר פוּן גֶעזוּנְט, אַ יָאר פוּן גוּטְס"; וֶועט זִי דִיךְ זִיכֶער לָאזְן פָארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר דִי קִילֶע ווינְטְל**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן כַאפְּן דִי זְכוּת פוּן בַּאצָאלְן דֶעם מֶעלֶער פַארְן מָאלְן דִי בִּילְדֶער פוּן דִי "קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".**

**אַלֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן אַז דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן בִּילְד, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן בְּרֶענְגֶען אַהֵיים דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים מִישְׁן דִי קִינְדֶער גְלַייךְ אוֹיף בַּיים סוֹף קוּנְטְרֵס, זֶען אוֹיב אִיז דָא אַ בִּילְד, אוּן דָאס דֶערְצֵיילְט מֶען בַּיי דִי סְעוּדָה. אוֹיךְ אִין חֶדֶר; דִי מְלַמְּדִים נֶעמֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת, מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס, מֶען קָאלִירְט דָאס, עֶס גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן יוּנְגֶערְהֵייט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.**

**דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה:**

**׳אוֹי, עֶס אִיז אַזוֹי הֵייס, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ שְׁוִויץ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לוּפְט; אֶפְשָׁר אוֹיפְן בַּארְג דָארְט אִיז דָא לוּפְט, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְן בַּארְג אוּן בֶּעטְן מַיין טָאכְטֶער זָאל מִיט מִיר מִיט קוּמֶען אוּן מִיר בְּלָאזְן מִיטְן גְרוֹיסְן פֶּען׳.**

**"טָאכְטֶער זִיסֶע, אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ מַאכְן פַאר טַאטִי לוּפְט? טַאטִי שְׁוִויצְט, טַאטִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, קוּם מִיט מִיר אוֹיפְן בַּארְג אוּן בְּלָאז מִיךְ מִיטְן גְרוֹיסְן פֶּען, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ בִּינְטְל פוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים".**

**קִינְדֶער טֵייעֶרֶע, אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶירְקָאנְדִישְׁן, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֶלֶעקְטֶערִיק, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווִי הַיינְט אַז מֶען קֶען אָנְצִינְדְן אַ פֶּען**

וָואס מַאכְט לוּפְט. אִין דִי הֵייסֶע טֶעג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען הָאט בַּאקוּמֶען קָאפּ שְׁמֶערְצְן.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בָּבָא מְצִיעָא פו.), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא אִיז גֶעוֶוען אַ פִּילֶער מֶענְטְשׁ, אֵיינְמָאל זוּמֶער אִין דִי גְרוֹיסֶע הִיצְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טָאכְטֶער זָאל אִים בְּלָאזְן לוּפְט, אוּן דֶערְפַאר וֶועט עֶר אִיר בַּאצָאלְן זֶעקְלֶעךְ שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים (פֶּערְפִיוּם).

פְּלוּצְלוּנְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלָאזְן אַ קִילֶע ווִינְטְל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן זָאגְט הוֹיךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע לוּפְט, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי קִילֶע ווִינְטְל; ווִיפִיל זֶעקְלֶעךְ בְּשָׂמִים דַארְף אִיךְ דִיר גֶעבְּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע פְרִישֶׁע לוּפְט וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג..."

קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ עֶפֶענֶען אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אוּן אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי פֵיינֶע פְרִישֶׁע לוּפְט וָואס מִיר אָטֶעמֶען אַזוֹי טִיף, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דַארְפְן מִיר אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן.

דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם מֶעלֶער צוּ מָאלְן אַ בִּילְד ווִי אַ אִיד זִיצְט אוֹיף אַ שְׁטֵיין אוֹיף אַ בַּארְג, פַארְשְׁוִויצְט, מִיט דִי הֶענְט אִין דִי הֵייעֶךְ אוּן ווִי דִי פֵּיאוֹת מִיט דִי בָּארְד צֶעבְּלָאזְן זִיךְ פוּן דִי ווִינְט, אוּן פוּן דֶער זַייט שְׁטֵייט זַיין טָאכְטֶער אוּן מַאכְט אִים לוּפְט.

דִי זְכוּת זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

...

### זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דַיין סַבְלָנוּת אוּן יִשׁוּב הַדַעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מַגִיד שִׁיעוּר בִּישִׁיבָתֵינוּ הַקְדוֹשָׁה, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

יֶעצְט זוּמֶער הַאלְט אִיךְ מִיט פוּן דֶער נָאנְט ווִי דוּ לֶערְנְסְט מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי סַבְלָנוּת דַיינֶע אוּן יִשׁוּב הַדַעַת; ווִי פוּן אֵיין זַייט הָאסְטוּ דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ, דִי דִיסְצִיפְּלִין אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאסְטוּ דִי יְמִין מְקָרֶבֶת, מִיט אַזַא הַארְץ אוּן אַזַא וַוארֶעמְקֵייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט אַריינְלֵייגְן אִין מַיין בָּחוּר יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ. אִיךְ וֵוייס אַז מִיט אַ טֵייל בָּחוּרִים בַּאגֵייסְטוּ זִיךְ מִיט צוּמַאכְן דִי אוֹיגְן, זִיךְ מַאכְן וִוי דוּ זֶעסְט נִישְׁט וְכוּ׳, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, בַּיי מַיין זוּן זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, נָאר וָואס מֶער פַארְלַאנְגֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן חֵן אוּן סַייעְתָּא דִשְׁמַיָּא מִיטְן יֶעדְן תַּלְמִיד, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט פַאר יֶעדְן תַּלְמִיד זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אוּן לְמַעַן לֹא נִגַּע לָרִיק וְלֹא נֵלֵד לַבֶּהָלָה, אֵין פֶּרֶץ וְאֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה בִּרְחוֹבוֹתֵינוּ. וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ׳עֶנֶען (בְּרָכוֹת יז:): ״שֶׁלֹּא יְהֵא לָנוּ בֵּן אוֹ תַּלְמִיד״ וְכוּ׳.

...

**דוּ פְלֶעגְסְט לֶעבְּן, דַיין פָּנִים הָאט גֶעשַׁיינְט פוּן תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִי צַייטְן וָואס דוּ פְלֶעגְסְט מִיר יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיטְן דֶערְצֵיילְן דַיינֶע סִיּוּמִים; וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט אוּן פוּן דַיין דַאוֶוענֶען. דוּ פְלֶעגְסְט לֶעבְּן, דַיין פָּנִים הָאט גֶעשַׁיינְט פוּן תּוֹרָה. אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְּמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ל, כ): ״כִּי הוּא חַיֶּיךָ״, דִי תּוֹרָה אִיז לֶעבְּן.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נָאר תּוֹרָה זֶעטִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר תּוֹרָה מַאכְט גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ וֶועפְּט אוֹיס, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ מַאכְט נִישְׁט זַאט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי צַייט אוּן מֶען פַאלְט אַריין אִין עַצְבוּת.

מֶען פָּארְט שׁוֹין צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְטוּ קוּמֶען מִיט מַתָּנוֹת, נִישְׁט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט. הוֹיבּ אָן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הוֹיבּ אָן צוּרִיק אַ שִׁיעוּר גְּמָרָא, אִיךְ ווִיל צוּרִיק זֶען דַיין שֵׁיין פוּן דַיין פָּנִים, דַיין לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעבְּן.

...

**נָאךְ אַפָּאר גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן אִין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר, אוּן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּן דֶעם אַלֵיין - אַז מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמוֹחַ מְאוֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, הֱיוֹת אוּנְזֶער חַבּוּרָה וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, דַארְפְן מִיר נָאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן הֶעלְפְן בְּהִתְנַדְּבוּת לִבָּם צוּצוּגְרֵייטְן דֶעם פְּלַאץ פַארְן עוֹלָם, אִיךְ זוּךְ נָאךְ אַפָּאר גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר אַ שְׁטִיקֶל עוֹל אִין אוּמַאן, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי אִינְגֶעלַייט וָואס טוּעֶן שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר.

בִּיטֶע לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן.

...

**דֶער אַרְבֵּייטֶער בַּיי דִי סוּעֶר דִיפַּארְטְמֶענְט, אִיז אוֹיךְ פוּן הִימְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז וִוי מֶער זִיךְ אַרַיין טוּן אִין דִי אֱמוּנָה; גְלֵייבְּן, וויסְן אוּן לֶעבְּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אַ פַּארְשְׁטֶעלַאכְטְס, אַ קְלֵייד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר אוֹיבּ עֶר בַּאפֶעלְט; אַ בְּלֶעטֶעלֶע פַאלְט נִישְׁט פוּן בּוֹים אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֵייסְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין ז): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ", מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דִי פִינְגֶער, "אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", נָאר אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל אַז פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי זָאל כַאפְּן אַ קְלַאפּ.

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען אַ פְּרוּטָה וָואס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אַ חָבֵר, "וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵייטְן נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל.

נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נח.): "אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז מְמוּנֶה צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סוּעֶר דִיפַּארְטְמֶענְט, אַ שְׁמוּצִיגֶע אַרְבֶּעט - "מִן שְׁמַיָּא מָנוּ לֵיהּ", אִיז אוֹיךְ פוּן הִימְל.

דָאס אִיז מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען רֵיין פַאר בַּאשֶׁעפֶער.

גֶעב אִיבֶּער אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ אִין שְׁטוּב פַאר הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה.

...

## אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי אַרְבֶּעט אִין אוּמַאן?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי אַ נְשָׁמָה זָאגְט אִים פוּן הִימְל: "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ - וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעדְרֵייט וִוי אַ רֶעדְל פַאר שִׂמְחָה", אוּן אַזוֹי וִוי דִי נְשָׁמָה עֶנְדִיגְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, זֶעט עֶר וִוי דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט אַרַיין זַיין קָאפּ צְוִוישְׁן זַיינֶע פִיס אוּן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן פוּן שִׂמְחָה וִוי אַ רֶעדְל, בִּיז דִי רֶעדְל אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן; דָאס אִיז אוּנְזֶער עֲבוֹדָה, זוּכְן אִין זִיךְ גוּטְס אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים - וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ דַארְף אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס ווִילְן אַרָאפְּנֶעמֶען אַרְבֶּעט פוּן מִיר אִין אוּמַאן, דִי קְהִילָּה וַואקְסְט אוּן דִי זֶעלְבֶּע דְרֵיי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן מִיט אוּנְטֶער הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן, וִוי קֶענֶען זֵיי

אָפְּוַוארְטְן קָרוֹב צוּ טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן...? אִיךְ טְרַאכְט דוּ בִּיסְט מִיר גֶעטְרֵייא אַ גַאנְץ יָאר, אֶפְשָׁר אִין אוּמַאן בִּיסְטוּ אוֹיךְ גְרֵייט.

לָאז מִיר וִויסְן.

...

## מֶען הַאלְט נִישְׁט פָּאר אַ שְׁוִויגֶער, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁוִויגֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין שְׁוִויגֶער אוּן מֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן אַזוֹינְס; זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְהַאלְטְן דַיין שְׁוִויגֶער אוֹיף וָואס זִי טוּט, זִי הָאט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט גֶעמַאכְט, זִי מֶעג בְּרֶענְגֶען פַאר דַיין וַוייבּ דִי מֶעדִיצִין אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי מֶעדֶעצִין אִיז, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, מֶען הַאלְט נִישְׁט פָּאר קַיין שְׁוִויגֶער, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁוִויגֶער, אוּן מֶען וֵויינְט נִישְׁט פַאר אַ שְׁוִויגֶער.

אֲפִילוּ נָאךְ דִי גַאנְצֶע גֶערַאטְשְׁקֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט - קֶענְסְטוּ נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְסְטוּ נָאר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן נָאר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.

אַז זַאכְן בַּאדֶערְן דִיר, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נֶעמֶען דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דַיין שְׁוִויגֶער בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ' - זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן, אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן דִיךְ, נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, זַיין בָּטֵל צוּ דִיר"**.

...

## וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת וָואס פִירְן דִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער פוּנֶעם מְנַהֵל אַז דַיינֶע קִינְדֶער הוּנְגֶערְן אִין חֵדֶר, דוּ לָאזְט זֵיי גָארְנִישְׁט עֶסְן, נָאר וָואס זַיי בְּרֶענְגֶען זִיךְ מִיט וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ - וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן, וַוייל דוּ בִּיסְט דָאךְ קְלוּגֶער וְוִי מִיר אוּן קְלוּגֶער פוּן יֶעדְן, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז טְרֵיפָה אוּן אַלֶעס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אַז דוּ שִׁיקְסְט דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אוּנְז אִין חֵדֶר - דַארְפְן זֵיי עֶסְן וָואס דִי חֵדֶר גֶעבְּט.

דַיין זוּן הָאט זִיךְ צוּאַוויינְט אִין חֵדֶר, עֶר זָאגְט עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג (עֶר אִיז נִישְׁט זַאט גֶעוָוארְן פוּן דִי טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט פוּן שְׁטוּבּ), הָאבְּן מִיר אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל עֶסְן פֵיינֶע וַוארֶעמֶע טְשָׁאלְנְט, זָאגְט עֶר: "מַיין טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט", זָאגְן מִיר אִים: "עֶס אִיז פַּארְוֶוע, וָואס קֶען זַיין שְׁלֶעכְט מִיט בָּאנְדְלֶעךְ?" זָאגְט עֶר: "מַיין טַאטֶע זָאגְט דִי כֵּלִים הָאבְּן בְּלִיעוֹת פוּן פְלֵייש וְכוּ'".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת וָואס פִירְן דִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. גֶעבּ דַיינֶע קִינְדֶער עֶסְן פְלֵייש; עֶס אִיז דָא עֶרְלִיכֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע הֶכְשֵׁרִים, אוֹיךְ גֶעבּ זֵיי מִילְכִיגְס. וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת, לָאז דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, פָּשׁוּט'עֶ אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע שְׁרֵייעֶן, אַלֶע וֵויינֶען, אַלֶע קְרֶעכְצְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים, נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל נִישְׁט לַיידְן בְּזֶה הָעוֹלָם; מִיט וֶועם מֶען רֶעדְט, מִיט וֶועם מֶען שְׁמוּעֶסְט; אַלֶע שְׁרֵייעֶן, אַלֶע וֵויינֶען, אַלֶע קְרֶעכְצְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין עֵצָה וואוּ זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן, נָאר אוּנְטֶער דִי פְלִיגְלֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וְוִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים סא, ה): "אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה", אִיךְ טוּ זִיךְ בַּאשִׁיצְן אוּנְטֶער דִי פְלִיגְלֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין תְּפִיסָה, אִיךְ גֵיי מִיט דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל וָואס גֵייעֶן כְּסֵדֶר אִין תְּפִיסוֹת מְחַיֶּ' זַיין אַחֵינוּ כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל הַנְּתוּנִים בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ אִיד וָואס זִיצְט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אִין תְּפִיסָה, דֶער אִיד פַארְפֶּעלְט נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, דֶער אִיד לֶעבְּט

מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וּבִטָחוֹן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה פוּן בָּא לְלַמֵּד וְנִמְצָא לָמוּד, אִיךְ בִּין יֶענֶעם גֶעגַאנְגֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי צֶעטְרֵייסְלְט פוּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי שְׁטַארְק דִי אֱמוּנָה אִיז, אוּן נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט נָאר דָאס גֶעוָואלְט, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מֶען בַּאדַארְף נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן, נָאר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הִיט הֲלָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.

אַז מֶען הִיט הֲלָכוֹת - הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אוּן אַז חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי הֲלָכוֹת - קוּמֶען אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; פְּרֶעג אִיךְ אַייךְ, וָואס ווִילְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ, גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט אָדֶער גַן עֵדֶן?

שְׁפִּילְט אַייךְ נִישְׁט מִיט פֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג וָואס מֶען רֶעדְט אִין דִי טֶעג, מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרֵייצְן דֶעם מַאן, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי זַאכְן - דַארְף מֶען לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים רַחֲמָנָא לִצְּלָן זִיךְ אוֹיסְצוּלַייטֶערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָפְּהִיטְן זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דִי הֲלָכוֹת וְכוּ' אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס, דִי הֲלָכוֹת אִין דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ; עֶס אִיז הֵיילִיג, עֶס אִיז טֵייעֶר; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי הֲלָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן דֶעם מַאן מִיט זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ דַארְף אַייךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס אַייעֶר מַאן אִיז אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן פוּן זַיין טַאטֶע, ווִי עֶר הָאט אִים גֶע׳הַרְגֶ׳עט גֵייסְטִישׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אִיר וֵוייסְט דָאס בֶּעסֶער פוּן מִיר, ווִי אַייעֶר מַאן מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיטְן הָאבְּן זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט, אוּן דָאס מַאכְט אִים נִישְׁט קֶענֶען זַיין דֶער וָואס גֶעבְּט וְכוּ׳, דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן וְכוּ׳, אוּן אַז אִיר פְּרֶעגְט אִים וְכוּ׳, אִיר הוֹיבְּט אָן וְכוּ׳, אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ בִּין מַסְכִּים נָאר אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַייעֶר שְׁטַארְק״ - זָאלְט אִיר דָאס אִיבֶּערְטַייטְשְׁן אִין אִידִישׁ, דָאס מֵיינְט: אִיךְ ווִיל זַייעֶר שְׁטַארְק, נָאר אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ סְפֵיקוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין וַוייבּ, זָאג מִיר נָאכְאַמָאל אַז דוּ ווִילְסְט טַאקֶע לֶעבְּן מִיט מִיר, אוּן נִישְׁט זָאגְן, נֶע עֶס אִיז גוּט, אַ גוּטֶע נַאכְט.

אַייעֶר מַאן אִיז טֵייעֶר מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי. אִיר וָואלְט שׁוֹין גֶעמֶעגְט זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז וֶוען עֶר עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק: ״אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַייעֶר שְׁטַארְק, קֶען מֶען וְכוּ׳״ - נִישְׁט צוּ וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט אוּן זָאגְן: ״עֶס אִיז גוּט״, נָאר זָאגְן: ״יָא, אִיךְ ווִיל זַייעֶר שְׁטַארְק״, אוּן אִים הֶעלְפְן לֶעבְּן.

מַאכְט אַייךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג פַּאר דְרֵיי מִינוּט צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעכְנְט אוֹיס דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַייךְ, אוֹיפְן גֶעזוּנְט, אוּן אוֹיף יֶעדֶע אֵבֶר; אִיר הָאט אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, מוֹיל, נָאז אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אוֹיף דִי לִיכְטִיגֶע קִינְד; דוּרְכְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן וֶועט זַיין יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְזַלְזֵל זַיין אִין הֲלָכוֹת, אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ טָעוּת אִיז אַ טָעוּת, אוֹנֵס רַחֲמָנָא פָּטְרֵיהּ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוען מֶען מַאכְט אַ טָעוּת; מֶען רֶעדְט וֶוען מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי הֲלָכוֹת, מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס, מֶען זָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ", אוּן: "דָאס אִיז נָאר אַ דְּרַבָּנָן", אוּן: "דָאס אִיז נִישְׁט דִי עֶכְטֶע עֲבֵירָה" - דָאס אִיז אַ סַכָּנָה, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען וֶוערְט קְרַאנְק לֹא עָלֵינוּ, אוּן מֶען קֶען בַּאקוּמֶען קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מַאכְט נִישְׁט קַיין נֶערְוְון פוּן דִי הֲלָכוֹת, אוּן גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט צוּ טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי הֲלָכוֹת', אוּן 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת'; נִישְׁט פוּן דֶעם רֶעדְן מִיר.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְן דִי נֶערְוְון שְׁטֶערְקֶער אוּן גֶעזוּנְטֶער, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט רוּאִיג, דִי לֶעבְּן וֶוערְט גַּן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רוּף יֶעדְן טָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, רֶעד מִיט זֵיי

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפָארְן אִין שְׁטָאט בַּאזוּכְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן. עֶס אִיז אַזַא מִצְוָה צוּ גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן מְחַיֶ׳ זַיין עֶלְטֶערְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילּוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרֵיי שֻׁתָּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט מִיךְ מְכַבֵּד".

זָאלְסְט רוּפְן יֶעדְן טָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, רֶעד מִיט זֵיי, דֶערְצֵייל זֵיי פוּן דַיין טָאג, דֶערְצֵייל זֵיי פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס דִי מִצְוָה אִיז. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שָׁם לא:) דֶער הֵיילִיגֶער רַב יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען וֶוען זַיין מַאמֶע קוּמְט אַרַיין, עֶר הָאט אָבֶער זֵייעֶר גוּט גֶעהֶערְט, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן דִי פוּסְטְרִיט פוּן זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט שִׂמְחָה: "אֵיקוּם מִקַּמֵּי שְׁכִינָה דְּאָתְיָא", לָאמִיר זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר דִי שְׁכִינָה.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין, אִיךְ קוּק אַרוֹיס אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן דִי יָאר מֶער ווִי פַארְאַיָאר, דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְשַׁארְצְן דִי אַרְבֶּעל אוּן טוּן פַאר דַיין קְהִילָה.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ צַאמְקוּם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַנְשֵׁי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זֵייעֶר וַוארֶעם צוּ הֶעלְפְן; אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ פַארְרֶעכְטְן וָואס דִי אִינְגֶעלַייט זָאגְן, זֵיי רֶעדְן צוּם עוֹלָם מֶען זָאל הֶעלְפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; זַייט מִיר מוֹחֵל, עֶנְק הֶעלְפְן נִישְׁט מִיר, מֶען הֶעלְפְט זִיךְ אַלֵיין, דִי גֶעלְט וָואס קוּמְט אַרַיין פוּנֶעם קָאמְפֵּיין גֵייט נִישְׁט פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה, דָאס גֵייט פַאר דִי מוֹסְדוֹת; מֶען הֶעלְפְט זִיךְ אַלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס פַּיינִיגְן, נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן הָרַב ... שְׁלִיטָ"א

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי דִי שִׁבְעָה פוּן דַיין טַאטְן עָלָיו הַשָּׁלוֹם; נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּלְד גֶעפִילְן וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט יֶעצְט בַּאשׁוּלְדִיגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת כְּאִילוּ דוּ הָאסְט גֶע'הַרְגְ'עט דַיין טַאטֶע חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶענוּג גֶעטוּן פַאר אִים וְכוּ' וְכוּ'; חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אוּן זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן אַז דוּ הָאסְט אִים גֶע'הַרְגְ'ט וְכוּ', דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת גְרֶענִיצְט זִיךְ מִיט כְּפִירָה.

בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ נִישְׁט מִיטְן עָבַר, מֶען קֶען נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם עָבַר, טוּ

וָואס דו קֶענְסְט יֶעצְט טוּן פַאר אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לא:): "מְכַבְּדוֹ בְּחַיָּיו מְכַבְּדוֹ בְּמוֹתוֹ", מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן סֵיי בַּיים לֶעבְּן אוּן סֵיי נָאכְן שְׁטַארְבְּן, אוּן דִי רִאשׁוֹנִים זָאגְן (סֵפֶר יְרֵאִים סִימָן רכא אוֹת ה, בְּסֵפֶר תּוֹעֲפוֹת רְאֵם; תַּנָּא רַבָּתִי, סִימָן ק; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה מִדְּאוֹרַיְתָא; זָאלְסְט יֶעדְן טָאג גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן דַיין טַאטֶע, אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת פַאר זַיין נְשָׁמָה; אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרוֹיפְטְרָאגְן דִי נְשָׁמָה פוּן דַיין טַאטְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

עַל פִּי רוֹב לַיידְן מֶענְטְשְׁן וֶוען עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, מֶען רַייסְט זִיךְ דִי הָאר פוּן קָאפּ, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ מִיטְן עָבַר; דָאס לָאזְט נִישְׁט לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּקְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, דָאס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדַאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי בְּלָאזְן אוּן אִיגְנָארִירְן דִי ווַייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִיר רָב, עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער רָב, עֶר וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן; עֶר קֶען דַיין ווַייבּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אִיר עֶרְשְׁטֶע מַאן אוּן מִיט דִי גֶט, וֶועט עֶר עֶנְק ווַייטֶער הֶעלְפְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן

דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער - אִיז דָאס פַאר דַיין טוֹבָה, אוּן אַז עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער - וֶועט דָאס דִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין פוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט רֶעאַגִירְן; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי בְּלָאזְן, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער דִי מַצָּב. אַז עֶפֶּעס שְׁטֶערְט דִיר - זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, ווִי לַאנְג נָאךְ וֶועט מִיר בַּאדֶערְן זַאכְן? ווִי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט? הֶעלְף מִיר אַז זַאכְן זָאלְן מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן נִישְׁט אָנְגֵיין, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן וֶוען מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אַרַיין, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּ דִיר, אִיךְ זָאל זֶען נָאר דָאס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אוּנְז אָנְגֶעטוּן בִּפְרִיצוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ פְרוֹי זִי זָאל קוּמֶען בִּצְנִיעוּת וְכוּ' אוּן זִי הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט וְכוּ' - זָאל אַייךְ עֶס נִישְׁט בַּאדֶערְן.

מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אוּנְז אָנְגֶעטוּן בִּפְרִיצוּת; אַז אַ פְרוֹי קוּמְט מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל דַארְף מֶען אִיר שֵׁיין זָאגְן: "דוּ דַארְפְסְט מְכַבֵּד זַיין אוּנְזֶער פְּלַאץ, קוּמֶען צוּ אוּנְז מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ".

אַזוֹי אוֹיךְ אַז אַ פְרוֹי קוּמְט אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן קוּרְץ - דַארְף מֶען אִיר זָאגְן זִי זָאל אוּנְז רֶעסְפֶּעקְטִירְן אוּן קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן ווִי מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן עֶר זָאל זָאגְן פַאר זַיין וַוייבּ זִי זָאל אַהֵיים גֵיין פוּן שׁוּל, (עֶס אִיז גֶעוֶוען יוֹם כִּפּוּרִים אִינְמִיטְן תְּפִילַּת שַׁחֲרִית), זִיךְ אָנְטוּן אַ קְלֵייד

בִּיז נָאךְ דִי קֶנִי; לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ דֶער אִינְגֶערְמַאן בַּאלֵיידִיגְט אוּן אַוֶועק גֶעשְׁלֶעפְּט זַיין וַוייבּ פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; יֶעצְט אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט.

אַז מֶען זָאגְט פַאר פְּרוֹיעֶן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אוּן בַּיי דִי צַאמְקוּמס דַארְף מֶען קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - דָאס מֵיינְט נִישְׁט מְרַחֵק זַיין, פַּארְקֶערְט; אוֹיבּ מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט - וֶועט צֶעפַאלְן דִי שׁוּל, עֶס וֶועט צֶעפַאלְן דִי חַבוּרָה. וַוייל נָאר וואוּ עֶס אִיז דָא צְנִיעוּת - דָארְט אִיז דָא דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן אוֹיבּ מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן (אוֹיסְגֶעטוּן) בִּפְרִיצוּת - שְׁטֵייט (דְּבָרִים כג, טו) "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ, לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג - וֶועל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן צְווִישְׁן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אֵיידְל הֵיימִישׁ אוּן חֲסִידִי'שׁ פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

טוּט אָן אַייעֶר קִינְד ווִי אַלֶע קִינְדֶער, טוּט אִים נִישְׁט אָן אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין דִי קְלַאוּ"ן פוּן כִּתָּה; בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה נַייעֶ צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, מֶען קֶען נִישְׁט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר פַּארְלַאנְגֶען פוּנֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר עֶר זָאל זִיךְ אָנְטוּן חֲסִידִי'שׁ וְכוּ' - וֶוען דִי מַאמֶע הָאט אִים אָנְגֶעטוּן אַלֶע יָארְן ווִי אַ קְלַאוּ"ן; עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי דְרֵיי יָאר, אַז מֶען טוּט אָן דִי קִינְדֶער אֵיידְל, הֵיימִישׁ אוּן חֲסִידִי'שׁ - וֶועלְן זֵיי וַוייטֶער גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי אֲנִי מַאֲמִינְ'ס, זָאגְט עֶס מִיט טַייטְשׁ; "אֲנִי מַאֲמִין" אִיךְ גְלֵייבּ, "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה" מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען אָנְטוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וַוייסֶע טֵייץ לְכָבוֹד שַׁבָּת?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין שְׁטוּב זָאל נִישְׁט זַיין גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף שְׁכֵנִים אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, דַיין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ בּוֹיעֶן אוֹיף דַעַת תּוֹרָה, פְרֶעג יֶעדֶע זַאךְ דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ.

בְּנוֹגֵעַ אָנְטוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וַוייסֶע טֵייץ לְכָבוֹד שַׁבָּת; בַּיי אַ טֵייל מִשְׁפָּחוֹת גֵייעֶן דִי קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע טֵייץ, בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז דָאס נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט, אָבֶער לַאכְן פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס טוּט אָן וַוייסֶע טֵייץ וְכוּ' - דָאס אִיז לֵיצָנוּת, וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ גָאר בִּיטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן ד): עַל יְדֵי לֵיצָנוּת בָּאִים יִסּוּרִים", דוּרְךְ אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן עֶרְלִיכֶע זַאכְן, אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אִידִישֶׁע מִנְהָגִים - בַּאקוּמְט מֶען יִסּוּרִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז דַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער לַאכְן דִיךְ אוֹיס אַז דַיין וַוייבּ טוּט אָן וַוייסֶע טֵייץ פַאר דַיינֶע טֶעכְטֶער שַׁבָּת - אִיז דָאס פִּינְקְט וִוי דִי מַשְׂכִּילִים וָואס לַאכְן פוּן דִי וָואס גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאלְן גֵיין מִיט זֵייעֶר וֶועג אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מְשַׁנֶּה זַיין פוּן דַיין וֶועג, אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן דִי וָואס לַאכְן פוּן אִידִישֶׁע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט מְקָרֵב אַנְדֶערֶע, וַוארְטְס נִישְׁט יֶענֶער זָאל אַייךְ מְקָרֵב זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן ... **תְּחִיֶ'**

אַייעֶר מַאמֶע תְּחִיֶ' הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט צוּפְרִידְן אִין סְקוּל, מֵיידְלֶעךְ טְשֶׁעפֶּען אַייךְ וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אוּן נִישְׁט צֶעפַאלְן, אוּן וַוארְטְס נִישְׁט מֶען זָאל אַייךְ מְקָרֵב זַיין, זַייט אִיר דִי וָואס אִיז מְקָרֵב אַנְדֶערֶע, אוּן אַז מֶען מַאכְט אַייךְ אַוֶועק וְכוּ' - זָאל אַייךְ דָאס נִישְׁט בַּאדֶערְן, אִיר זָאלְט טְרַאכְטְן 'נֶעבֶּעךְ אוֹיף מֵיידְלֶעךְ וָואס מַאכְן אַוֶועק אַנְדֶערֶע'; זַייט נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף קֵיינֶעם, זַייט נִישְׁט קַיין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת.

זוּכְט אוֹיף אִין סְקוּל אֵיידֶעלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס לַאכְן נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע, נֶעמְט זֵיי פַּאר חַבֶרְ'טֶעס, אוּן קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, זַייט מְקַרֵב דִי קִינְדֶער וֶועם מֶען שְׁטוּפְּט אִין דֶער זַייט, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, זַייט זִיךְ מְקַרֵב, גֶעבְּט זִיךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי רֶעאַגִירְט מֶען וֶוען דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

וֶוען אִיר רֶעדְט צוּ דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּב, וְוִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּם מַאן, וְוִי אַזוֹי מֶען רֶעאַגִירְט וֶוען דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ; נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן, וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַאלְטְן רוּאִיג, פוּן דֶעם זָאלְט אִיר אַסַאךְ רֶעדְן; וַוייל מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַ שָׁאד מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס דִי פְרוֹיעֶן וְוִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין וֶוען דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ אוּן שְׁרֵייט וְכוּ'; וָואלְט אַ פְרוֹי זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וֶוען דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ אוּן עֶר שְׁרֵייט - קֶען זִי אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן אֲפִילוּ זִי דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אִירֶע יוּנְגֶע יָארְן וְכוּ' וְכוּ'.

רֶעדְט מִיט דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ זָאלְן זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גָארְנִישְׁט וֶועלְן, גָארְנִישְׁט דַארְפְן, נָאר אֵיין זַאךְ, טוּן רָצוֹן הַשֵּׁם; נִישְׁטָא הֶעכֶערְס פוּן זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ צוּ וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי דוּ זֵייעֶר חַבֶרְ'טֶע, נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דַיין שְׁפִּיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶע טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים.

וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים - וָואלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּהִלִּים".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶע ..., זוּךְ אוֹיף דִי מֵיידְלֶעךְ אִין בֵּית פֵּיגָא סְקוּל וָואס מֶען שְׁטוּפְּט אִין דֶער זַייט, דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס - אוּן זַיי דוּ זֵייעֶר חַבֶרְ'טֶע, נֶעם זֵיי אִין דַיין שְׁפִּיל, רֶעד מִיט זַיי, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי; זָאלְסְט קֵיינְמָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאכְן אַ סִיוּם אָבֶּער נִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין דִי נַיין טֶעג מִיט מַאכְן אַ סִיוּם אוּן עֶסְן פְלֵייש; עֶס אִיז דָא בַּיי חֲסִידִים וָואס מֶען הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ סִיוּם יֶעדְן טָאג אוּן עֶסְן פְלֵייש, נָאכְדֶעם אִיז דָא בַּיי דִי לִיטְוִוישֶׁע, בַּיי זַיי מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין סִיוּמִים אוּן מֶען עֶסְט נִישְׁט קַיין פְלֵייש, בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ נֶעמְט מֶען אָן בֵּיידֶע, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע, דִי חֲסִידִים זָאגְן דֶער עִיקָר אִיז דַאוֶוענֶען, אוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע זָאגְן דֶער עִיקָר אִיז לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ זָאג דֶער עִיקָר אִיז בֵּיידֶע".

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, בַּיי חֲסִידִים מַאכְט מֶען אַ סִיוּם, אוּן בַּיי דִי לִיטְוִוישֶׁע עֶסְט מֶען נִישְׁט קַיין פְלֵייש, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג מַאכְן אַ סִיוּם אָבֶּער כְּדַאי הוּא שְׂרֵפַת בֵּית אֱלֹקֵינוּ נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין פְלֵייש.

בַּיי אוּנְז בְּנֵי אַשְׁכְּנַז וַואשְׁט מֶען נִישְׁט קַיין וֶועשׁ נַיין טֶעג, פוּן הַיינְט נַאכְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בִּיז י' בְּאָב, חֲצוֹת הַיּוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַלָכוֹת אוּן מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג, עֶרֶב ט׳ בְּאָב נָאכְמִיטָאג - עֶסְט מֶען נָאכְטְמָאל, נָאכְדֶעם דַאוֶוענְט מֶען מִנְחָה אוּן מֶען גֵייט אַהֵיים עֶסְן דִי סְעוּדַת הַמַּפְסֶקֶת.

עֶרֶב ט׳ בְּאָב וֶוען מֶען עֶסְט דִי לֶעצְטֶע סְעוּדָה, דִי סְעוּדַת הַמַּפְסֶקֶת - טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן בַּיי דִי סְעוּדָה מֶער ווִי אֵיין תַּבְשִׁיל; מִיר פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן אַ הַארְטֶע אֵיי, מִיט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין אַשׁ.

דִי סְעוּדָה עֶסְט מֶען זִיצְנְדִיג אוֹיף דֶער עֶרְד אָדֶער אוֹיף אַ קְלֵיין בֶּענְקְל אוּנְטֶער דְרֵיי טְפָחִים.

מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז דָאס טוּעֶן מִיר צוּלִיבּ וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אִין גָלוּת, מִיר זֶענֶען פַארְטְרִיבְּן צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער.

בַּיי דִי זְמַן וָואס מֶען הוֹיבְּט אָן פַאסְטְן - טוּט מֶען זִיךְ אוֹיס דִי שִׁיךְ, ווַייל ט׳ בְּאָב טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט שִׁיךְ. אוֹיךְ דַארְפְן זִיךְ מַאן אוּן ווַייבּ דֶערְווַייטֶערְן וְכוּ׳. אוֹיךְ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן דֶעם גוּף אוּן נִישְׁט דִי פָּנִים. אוֹיךְ אִיז אָסוּר אִין ט׳ בְּאָב זִיךְ צוּ בָּאדְן, אֲפִילוּ קִינְדֶער בָּאדְט מֶען נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דִי הֶענְט וַואשְׁט מֶען נָאר בִּיז דִי עֶק פִינְגֶער. אוֹיךְ דִי פָּנִים וַואשְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן דִי שְׁמוּץ בַּיי דִי אוֹיגְן מֶעג מֶען אַרָאפְנֶעמֶען מִיט פַייכְטֶע הֶענְט.

מָאנְטָאג נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ אַלֶע אַוֶועק זֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן מְגִלַּת אֵיכָה, מִיר וֶועלְן אַלֶע ווֵיינֶען אוֹיף דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, אוֹיךְ ט׳ בְּאָב אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ קְרִיאַת הַתּוֹרָה זָאגְן מִיר מְגִלַּת אֵיכָה, מִיר זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, מִיר קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

ט׳ בְּאָב בַּיינַאכְט פַאסְטְן אַלֶע, אֲפִילוּ קִינְדֶער, אַלֶע טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן גָלוּת. דִי טַאטֶע גֵייט אִין שׁוּל אוּן נֶעמְט מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען מִיט זָאגְן אֵיכָה, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער לֵייגְט מֶען שְׁלָאפְן, אוּן דִי מַאמֶע זִיצְט מִיט דִי טֶעכְטֶער אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי טֶעכְטֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין וָואס מֶען רֶעדְט, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט מְגִלַּת אֵיכָה.

אִינְדֶערְפְרִי קֶענֶען קִינְדֶער עֶסְן, אָבֶער נִישְׁט קַיין נַאשׁ; מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז אַלֶע דַארְפְן טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

אוֹיךְ מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי צְוֶועלְף יָאר, אוֹיךְ וַוייבְּלֶעךְ - אַלֶע פַאסְטְן; אוֹיבּ אִיז מֶען אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט, אָדֶער אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען זֵייגְט - זָאל מֶען פְרֶעגְן אַ רָב אוֹיבּ מֶען דַארְף פַאסְטְן.

ט׳ בְּאָב, וֶוער עֶס שְׁלָאפְט גֶעוֶוענְלִיךְ מִיט צְוֵויי קִישֶׁענֶעס שְׁלָאפְט מִיט אֵיין קִישְׁן, אוּן וֶוער עֶס שְׁלָאפְט מִיט אֵיין קִישְׁן שְׁלָאפְט אָן קַיין קִישְׁן.

ט׳ בְּאָב גְרִיסְט מֶען זִיךְ נִישְׁט בִּיז חֲצוֹת הַיּוֹם, אוּן פַאר דִי עַם הָאֲרָצִים וָואס וַוייסְן נִישְׁט דִי הֲלָכָה, אוּן אַז מֶען וֶועט זֵיי נִישְׁט צוּרִיק גְרִיסְן וֶועלְן זֵיי זִיךְ בַּאלֵיידִיגְן אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ מַחֲלֹקֶת - זֵיי מֶעג מֶען צוּרִיק גְרִיסְן אוּנְטֶער דִי נָאז.

ט׳ בְּאָב לֶערְנְט מֶען נִישְׁט וַוייל מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן, אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ. נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, ווִי חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, יוֹם תְּהִלִּים, וְכַדוֹמֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זַיי זָאלְן וִויסְן וָואס תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

דִי יָאר וֶועל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן אֵיכָה מִיטְן גַאנְצְן עוֹלָם, דִי יָאר וֶועלְן אַלֶע זָאגְן יֶעדֶער אִין זַיין שׁוּל. מֶען וֶועט זָאגְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין הָאשְׁקִי, אוֹיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם שׁוּל, אוֹיךְ אִין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אוּן אִין מְקוֹר הַשִּׂמְחָה.

גֵיי אִין שׁוּל נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ, בְּרֶענְג דַיינֶע קִינְדֶער (נִישְׁט דִי קְלֵיינֶע; דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט מִיטְזָאגְן - זָאלְסְטוּ לֵייגְן שְׁלָאפְן). זִיץ מִיט זֵיי אוֹיף דֶער עֶרְד, זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זַיי זָאלְן וִויסְן וָואס ט׳ בְּאָב אִיז, זִיץ נִישְׁט מִיט קַיין לֵצִים, מֶען טָאר נִישְׁט אַרוּם לַאכְן אִין שׁוּל, זִיץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְן זֵיי זֶען ווִי אַ אִיד פִירְט זִיךְ ט׳ בְּאָב.

אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן מִיר אוֹיף מְגִלַּת אֵיכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוער אִיז בֶּעסֶער אִין רֶעגִירוּנְג, דִי רֶעכְטֶע אָדֶער דִי לִינְקֶע?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, מֶען הֶערְט דִי נֵייעֶס וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי לֶענְדֶער אַרוּם דִי וֶועלְט, יֶעדֶער שְׁרֵייט אֲנָא אֶמְלוֹךְ; אִין אַמֶערִיקֶע, אוֹיךְ בַּיי דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם - שְׁרֵייעֶן דִי רֶעכְטֶע: "מִיר פִירְן עֶס רִיכְטִיג", אוּן דִי לִינְקֶע שְׁרֵייעֶן: "מִיר הַאלְטְן דִי וֶועלְט"; מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס; עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לה), פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, מֶען וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוֹיף וָואס מִיר קְלָאגְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶוערְט יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ חָרוּב, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - דָאס אִיז דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.) וֶוער עֶס הָאט דֵעָה אִיז בַּיי אִים דָא אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז וֶוען מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער; אוּן אַז מֶען לִיגְט אִין דִי נֵייעֶס, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט בַּאזָארְגְט וֶוער גֵייט זַיין פְּרֶעזִידֶענְט, וֶועט אַמֶערִיקֶע זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן רוּסְלַאנְד, אוּן וָואס וֶועט זַיין מִיט טְשַׁיינֶע, אוּן אוֹיב קָארֶעָא וֶועט שִׁיסְן וְכוּ' וְכוּ'; מֶענְטְשֶׁעלֶע מֶענְטְשֶׁעלֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס; מֶען קֶען נִישְׁט בֵּייגְן קַיין פִינְגֶער נָאר אַז עֶר זָאגְט, מֶען קֶען נִישְׁט רִירְן קַיין הַאנְט אוּן פוּס נָאר אַז עֶר זָאגְט, מֶען קֶען נִישְׁט בַּייסְן דִי עֶסְן מִיט דִי צֵיין - נָאר אַז עֶר הֵייסְט.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז שַׁבָּת חֲזוֹן, מֶען זָאגְט דִי הַפְטוֹרָה פוּן חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ. עֶס אִיז דָא מְקוֹמוֹת וָואס מֶען וֵויינְט שַׁבָּת, מֶען קְרֶעכְצְט וְכוּ', בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אֲבֵלוּת שַׁבָּת חֲזוֹן, מֶען זִינְגְט לְכָה דוֹדִי אַזוֹי וִוי אַלֶע וָואכְן, אוּן מֶען

לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה אַזוֹי ווִי אַלֶע וָואכְן, מֶען זִינְגְט נִישְׁט דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים א, יב): "אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי" מִיטְן נִיגוּן פוּן אֵיכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת אַז שַׁבַּת חֲזוֹן אִיז אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, שַׁבַּת חֲזוֹן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דִי וָואךְ שַׁבַּת חֲזוֹן אִיז אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג שַׁבָּת; חַס וְשָׁלוֹם, דִי וָואךְ אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס הָאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן קֶען זֶען שַׁבַּת חֲזוֹן ווִי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף".

אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען וַוייט פוּן דִי זַאכְן, מִיר זֶענֶען קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, דַארְפְן מִיר ווִיסְן אַז מִיט הִתְקַשְּׁרוּת לַצַּדִּיק אִיז מֶען בַּיי דִי פְּלַאץ וואוּ דֶער צַדִּיק אִיז. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (הַקְדָּמַת לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת): "אִיךְ בִּין אַ נַנָּס, אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶער - וָואס זִיצְט אוֹיף אַן עֲנָק, אַ רִיז"; אִיךְ בִּין וֶוער אִיךְ בִּין, אָבֶּער מִיט הִתְקַשְּׁרוּת לַצַּדִּיק זִיץ אִיךְ אוֹיף דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אַז מִיר פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - קֶענֶען מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי.

הַיינְט לְכָבוֹד שַׁבָּת קֶען מֶען זִיךְ בָּאדְן מִיט הֵייס וַואסֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוֹיךְ טוּט מֶען זִיךְ אָן פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין שׁוּם טוּישׁ אִין שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, קַיין שׁוּם זֵכֶר לַאֲבֵלוּת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## אֵיינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הֶענְט

"גֵיי נִישְׁט! גֵיי נִישְׁט!" הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן... עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת...!

דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל גֵייט, אַלֶע שְׁרֵייעֶן: "וָואס טוּסְטוּ? דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן!"

גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט יָארְן צוּרִיק אִין סִיבִּיר וואוּ מֶען הָאט פַּארְטְרִיבְּן דִי אִידְן אִין גָלוּת סִיבִּיר, דִי קַאמוּנִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן גֶעזוּכְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעטוּן פַּאר אִידִישְׁקֵייט, גֶעבּוֹיט שְׁטִילֶערְהֵייט שׁוּלְ'ן אוּן גֶעמַאכְט שְׁטִילֶערְהֵייט חֲדָרִים אוּן גֶעגְרָאבְּן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ שְׁטִילֶערְהֵייט מִקְוָואוֹת, דִי אַלֶע הָאבְּן זֵיי פַּארְטְרִיבְּן אִין סִיבִּיר.

רֶבִּי מֶענְדְל פוּטֶערְפַּאס אִיז דָארְט אוֹיךְ פַּארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי תּוֹרָה. נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי מֶענְדְל, וִוי אַזוֹי הָאט אִיר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן? וָואס הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן שְׁטַארְקְקֵייט?" פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "דִי קְלֵיין מֵיידְל וָואס אִיז אַרוּיף אוֹיפְן שְׁטְרִיק, אַרִיבֶּער דִי צְוֵויי בֶּערְג - דָאס הָאט מִיךְ גֶעטְרָאגְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע יָארְן", אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט:




עֶר גֵייט שְׁטַייטֶעלֶעךְ אַרִיבֶּער דֶעם דִינֶעם שְׁטְרִיק...

דָארְט וואו מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ שְׁטְרִיק צְווִישְׁן צְוֵויי בֶּערְג הֶעכֶער אַ גְרוֹיסֶער טָאל, וַיְהִי הַיּוֹם אֵיין טָאג קוּמְט אֵיינֶער אוּן רוּפְט אוֹיס: "וֶוער וִויל זֶען וִוי אִיךְ וֶועל אַרִיבֶּערְשְׁפַּאצִירְן אוֹיפְן שְׁטְרִיק הֶעכֶער דִי טָאל?" עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף אוּן גֵייט אַרִיבֶּער דִי שְׁטְרִיק, אַ טֵייל קוּקְן אוּן שְׁרֵייעֶן פַאר שְׁרֶעק, אַ טֵייל קֶענֶען נִישְׁט קוּקְן, זֵיי צִיטֶערְן, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר אַרָאפְּפַאלְן, אַ טֵייל פַּאטְשְׁן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם צְוֵוייטְן בַּארְג, רוּפְט עֶר אוֹיס הוֹיךְ:

"וֶוער וִויל קוּמֶען אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁטְרִיק פוּן אֵיין בַּארְג צוּם צְוֵוייטְן?" אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעט מֶען אַ קְלֵיין מֵיידְל הוֹיבְּט אָן גֵיין...

"גֵיי נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט!" הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן... "סַכָּנַת נְפָשׁוֹת...!"

דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל גֵייט, אַלֶע שְׁרֵייעֶן: "וָואס טוּסְטוּ? וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן!" זִי קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שְׁטַייטְלִיךְ אַרִיבֶּער אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן פַאר פְרֵייד אַז דִי קְלֵיין קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעפַאלְן.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי מֵיידְל: "וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין?" זִי לַאכְט אוּן זִי פְרֶעגְט: "מוֹרָא? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַיין טַאטֶע, אַז מַיין טַאטֶע נֶעמְט מִיךְ אַרִיבֶּער - וַוייסְט עֶר וָואס עֶר טוּט, אוֹיף מַיין טַאטֶע'ס אַקְסְל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא".

רֶבִּי מֶענְדְל זָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער אִיז מִיר אַרַיין אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אִין סִיבִּיר - בִּין אִיךְ אוֹיף מַיין טַאטֶע'ס אַקְסְל, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַיין טַאטֶע, אַז מַיין טַאטֶע נֶעמְט מִיךְ אַרִיבֶּער - וַוייסְט עֶר וָואס עֶר טוּט, אוֹיף מַיין טַאטֶע'ס אַקְסְל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען וואו מִיר זֶענֶען, אוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וֵוייסְן מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הֶענְט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַאלְן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן שְׁלֶעכְטְס מִיט אוּנְז.